בס"ד

עקב תשפ"ו

גליון 293

# דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא – סוֹף פוּנֶעם גָלוּת

דִי פַּרְשָׁה פוּן דֶער וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן "וְהָיָה "עֵקֶב" תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה," פַּארְוָואס נוּצְט דִי תּוֹרָה דֶער לָשׁוֹן עֵקֶב, עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין וְהָיָה אִם תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה?

דָאס וָוארְט 'עֵקֶב' אִיז פוּן לָשׁוֹן 'סוֹף', אַזוֹי וִוי בַּיי אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶער קָאפּ דֶער אָנְהוֹיבּ אוּן דֶער עָקֵב פוּן דִי פִיס אִיז דֶער סוֹף. נָאךְ אַ טַייטְשׁ הָאט עֵקֶב "צֶעטְרֶעטְן", וֶוען אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵויטְן, זָאגְט מֶען: "עֶר הָאט יֶענֶעם צֶעטְרֶעטְן!"

יֶעצְט וֶוען מֶען אִיז סוֹף פוּן דֶער גָלוּת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן "עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא – סוֹף פוּנֶעם גָלוּת" דֶער אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם אוֹר פוּן מָשִׁיחַ, וֶוען דִי שׂוֹנְאִים שְׁטַארְקְן זִיךְ זֵייעֶר מִיט זֵייעֶרֶע פִיס אוּן ווִילְן חַס וְשָׁלוֹם צֶעטְרֶעטְן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן. וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ דֶעם? זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה" מִשְׁפָּט קוּמְט אוּנְז זָאגְן אַז סְ'אִיז נִישְׁט 'סְתַם אַזוֹי' גֶעשֶׁען, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל אַז דִי רְשָׁעִים ווִילְן שְׁטֶערְן אוּן צֶעטְרֶעטְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר אַלֶעס אִיז אוֹיסְגֶערֶעכְנְט פוּן בֵּית דִין מַעֲלָה, כְּדֵי מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶערְהֶערְן אַז אַלֶע מִשְׁפָּטִים, אַלֶע דִינִים, מְנִיעוֹת אוּן יִסּוּרִים אִיז נָאר פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער "וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז גֶעדֶענְקֶען אוּן זִיךְ דֶערְבַּארֶעמֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען זְכוּת אָבוֹת, אוּנְז צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן אוּן דִינִים.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו" דָאס וַוייזְט אַז אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן פוּן עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא ווִיל עֵשָׂו צֶעטְרֶעטְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז דִי עֵצָה "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת" "יָד" אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תְּפִלָּה, אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער תַּרְגּוּם "פְּרִישָׂן בִּצְלוֹ" עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז אוֹיף יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער בַּעַל דָבָר דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן, לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, סַיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט כַּוָונָה, מִיט אַ חֵשֶׁק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען אַרַיינְכַאפְּן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דִי הַבְטָחָה פוּן סוֹף פַּרְשָׁה "לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם, פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה' אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" אָמֵן וְאָמֵן.

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן




*אין קורצן פון פריער:*

*עס ווערט געבוירן א קינד ביים רבי'ן. דער רבי האט נאמען געגעבן דאס הייליג קינד שלמה אפרים. דער רבי האט געלייגט גרויס האפענונג אויף דאס קינד, זאגנדיג אז זיין נשמה איז זייער א דערהויבענע, וואס קען פיל מזכה זיין די וועלט און ברענגען די וועלט צו איר תיקון. יענעם וואך האט דער רבי געזאגט פיל תורה.*

*אצינד לייגט ווייטער:*

צווישן פסח און שבועות זענען רבי נתן און רבי נפתלי גאנץ אפט געקומען צום רבי'ן. אין יענע צייט האבן זיי מער נישט געהאט קיין אפהאלט פון זייערע משפחות וועלכע האבן שוין שלום געמאכט מיט'ן מצב און זיי מער נישט דערקוטשעט. ווען אימער עס האט זיי אנגעכאפט א תשוקה צו זיין ביים רבי'ן, האבן זיי געקענט דינגען א קוטשער און זיך אריבערכאפן צום רבי'ן קיין ברסלב. אבער דער רבי האט אנגעהויבן צו ווייזן אומצופרידנקייט דערפון. דאס האט זיי אריינגעלייגט אין א פארלעגנהייט. זיי האבן נישט געוואוסט צי זיי זאלן ווייטער קומען אזוי אפט, ווי זייער הארץ באגערט, אדער זיך אפהאלטן.

יעדעס מאל ווען זיי האבן געוואלט פארן צום רבי'ן, האבן זיי געדארפט וועגן אין מעסטן, צי דער רבי וועט ברוגז זיין. דאך, זענען זיי אויך די שוועריגקייט איבערגעקומען און זענען סיי ווי געגאנגען.

רבי נתן שרייבט:

איך האב געהאט א געפיל אז דער רבי איז נישט צופרידן פון מיינע אפטע באזוכן ביי אים, איינע נאכ'ן צווייטע. ווען איך האב אים געטראפן אין זיין צימער נעבן ביהמ"ד, ווי נאר ער איז אריינגעקומען, האט ער מיר באגריסט: "שלום עליכם וצאתכם לשלום," און ער האט געשמייכלט. דערנאך האט מיר דער רבי צוריק מקרב געווען. ער האט מיר אנגעהויבן שטארק צו מחזק זיין, זאגנדיג: "וואס ווייסטו וואס דער באשעפער וויל פון דיר מאכן? היינט ביסטו דאס... און שפעטער וועסטו זיין..."

ער האט מיר מרמז געווען אז איך וועל זיין אין א

גרויסע סכנה עטליכע מאל... און כמעט, כמעט... אבער, "איך וועל דיר עפענען דיין מח און דו וועסט שפאצירן אויף די וועגן פון מיינע תורות אזוי ווי איינער וואס שפאציר ארום צווישן די וואונדערליכע, שענסטע פאלאצן."

דער רבי האט דאן געזאגט, אז חזר'ן זיינע תורות איז אזוי ווי מען גייט אריין אין א פאלאץ וואו עס זענען פאראן פון אלע סארטן זאלן און קאמערן, עפענונגען און וועגן, פון אינטערעסאנטע וואונדער און אויסטערלישע שיינקייטן; באזונדער מיט מורא'דיגע חידושים. ווי נאר איינער גייט אריין אין איינע פון די קאמערן און הייבט אן זיך ארומצוקוקן, באוואונדערנדיג די אויסערגעווענליכע אריגינאלקייט און ספעציעלקייט, אנטדעקט ער פלוצלינג א וואנדערליכע וועג וואס עפנט זיך פאר אים, פירנדיג צו נאך א קאמער און פון דארט צו נאך איינע און אזוי פון צימער צו צימער און פון שטאק צו שטאק.

פון יעדן ארט און פענסטער, עפנט זיך עס צו די קומענדיגע און יעדע איז באהאפטן צו אלע אנדערע מיט די וואונדערליכסטע קונצליכקייט; די טיפסטע קלוגשאפט; און שענסטע פראכט...

(אבער ס'איז אוממעגליך צו ערקלערן עפעס דערפון צו איינעם וואס האט נישט כאטש די מינדעסטע השגה אין די טיפקייט פון רבינ'ס תורות. גליקליך זענען די וועלכע האבן די זכי' צו טועם זיין די זעלטענע זיסקייט און טיפקייט פון זיינע תורות.

און דער האט רבי פארגעזעצט. "מיט דעם אלעם איז עס נאכאלץ נישט דיינע. ביסט נאר ווי א באזוכער אין א פאלאץ וואס געהער צו א צווייטן. וואס איך וויל איז, אז עס זאל ווערן דיינע, און אזוי וועט עס טאקע זיין. דו מיינסט אז עס איז צוליב דיינע גוטע מעשים? ניין! עס איז נאר ווייל איך וויל אזוי."

דער רבי האט מיר דאן דערציילט א מעשה פון א גרויסער צדיק וואס פיל מאל האט ער געטראכט צו זיך, 'אפילו איך וועל צום סוף זיין נאר ווי א שטויב אונטער די פיס פון צדיקים (ווי חז"ל זאגן אויף נשמות פון רשעים - ר"ה י"ז) אבער דאך, אינגאנצן א גארנישט וועל איך שוין נישט זיין!'

דער רבי האט דאס געזאגט צו מחזק זיין אז אפילו יענער גרויסער צדיק איז געווען צובראכן ביי זיך פון מאל צו מאל און ער האט דערגרייכט צו א פונקט וואו ער האט געטראכט אז ער האט מער נישט קיין האפענונג, אבער ער האט זיך געטרייסט מיט דעם געדאנק אז כאטש וועט ער קיינמאל נישט דערגרייכן צו זיין אינגאנצן א גארנישט. אויב אונזערע חז"ל האבן געזאגט אז רשעים וועלן ווערן שטויב איז די שטויב כאטש עפעס. דאס איז אויך גוט, ווייל א גארנישט וועל איך שוין נישט זיין...

פון דעם וואס דער רבי האט געזאגט, איז געווען צו דערקענען אז ער האט געהאט פארשידענע צייטן ווען ער אליין האט זיך מיט דעם מחזק געווען. ער איז געווען גרייט צו דינען דעם באשעפער אפילו אויב זיין גאנצע שכר וועט זיין אזויפיל אז ער וועט זיין עפעס מער ווי א גארנישט! ער האט זיך פארלאזט אויפ'ן אויבערשטן אז מיט זיין חסד וועט ער אים באצאלן לויט ווי עס קומט אים פאר זיינע מעשים.

# טַייעֶרֶע קִינְדֶער
# זְרִיזִין מַקְדִּימִין!

**עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען חֲשׁוּבֶ'ע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט וָואס הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן ט"ו בְּאָב צוּ אַרִיבֶּערְגֵיין אֵיינֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס סְפָרִים בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לָאמִיר זִיךְ מִיטְכַאפְּן יֶעדֶעס קִינְד מִיט זַיינֶע כּוֹחוֹת וָואס עֶר פַארְמָאגְט!**

| | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| נ | ס | נ | ה | כ | ס | ט | נ | נ | ה | ד | ס | ס |
| ק | ר | ל | ק | ג | ו | ר | צ | ר | ש | ת | ט | י |
| ל | מ | ה | ר | צ | ה | ה | ח | ה | ת | ו | ש | פ |
| ו | י | מ | י | ת | כ | צ | מ | ו | פ | ל | מ | ו |
| צ | פ | ק | ו | ח | ו | ל | ד | מ | כ | פ | ו | ר |
| מ | ע | ח | ו | ח | ב | מ | ת | י | ו | ת | ת | י |
| ב | י | ר | מ | ט | ה | ש | צ | י | ת | י | ה | מ |
| ש | ד | י | א | ר | י | פ | י | ח | ה | ט | צ | ע |
| כ | ה | ז | פ | ר | ג | מ | ב | ט | נ | ו | ד | ש |
| ק | כ | ס | ר | ח | ק | פ | ו | ז | פ | ק | י | י |
| ל | ס | פ | ב | ג | פ | ב | ז | ה | ש | י | ק | ו |
| ט | פ | ש | ת | ע | ט | ס | ה | ש | ר | ל | י | ת |
| ל | י | ק | ו | ט | י | ע | צ | ו | ת | נ | מ | ע |

ווערט דארט דערציילט מעשיות וואס דערוועקן דעם מענטש צו תשובה טון ____________________

עס ווערט אויך אנגערופן דער ספר אלף בית ____________________

אינמיטן דעם ספר שטייט א תורה'לע פון אחד הי' אברהם ____________________

שמועסן וואס ר' נתן האט געהערט פון הייליגן רבי'ן ____________________

אלע סארטן עצות פון הייליגן רבי'נס ספרים ____________________

ר' נתן האט געזאגט אז מיט דעם ספר זענען שוין מענטשן אין אריין אין גן עדן ____________________

דער ספר לערנט אויס צו מאכן התבודדות און רעדן צום באשעפער ____________________

עס פארציילט פונעם רבי'נס גאנץ יונגע יארן, און זיין נסיעה קיין ארץ ישראל ____________________

דעם רבינ'ס לעבן ____________________

דער ספר איז מסוגל צו משנה זיין די טבע! ____________________

# דאקטאר שמחה



וֶוען רֶבִּי אֶפְרָיִמְ'ל קאַרקאָרווסקי זַצַ"ל, דֶער מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר "עֹנֶג שַׁבָּת" אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען פוּן פּוֹילְן הָאט עֶר זִיךְ צוּם עֶרְשְׁט בַּאזֶעצְט אִין שְׁטָאט תֵּל-אָבִיב. פוּן זַיין אָנְקוּם קַיין תֵּל אָבִיב אִיז עֶר בְּלִיץ שְׁנֶעל בַּאקַאנְט גֶעוֶוארְן אַלְס אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער אִיד, אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיגֶע לִיבְּלִיכֶע שְׁמֵייכְל הָאט בַּאנוּמֶען אַלֶע זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

ר' אֶפְרָיִמְ'ל אִיז גֶעוֶוען אַ נִידְרִיג-גֶעוַואקְסֶענֶער אוּן אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶער אִיד, אָבֶּער זַיין רוּחָנִיוּת'דִיגֶער הֵייךְ הָאט דֶערְגְרַייכְט דִי הוֹיכֶע סְפֶערְן. עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַלְס אַ גָאוֹן עָצוּם, אַן אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיכֶער עָנָיו, אוּן אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶער חָסִיד. אוֹיסֶער דֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יַחְסָן, צִיעֶנְדִיג זַיין יִחוּס צוּם הֵיילִיגְן פְּרְשִׁיסְחָא'ן הוֹיף, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי דָּוִד מְלֶעלוֹב זַצַ"ל.

זַיין שְׁטֶענְדִיגֶע שְׁמֵייכְל הָאט זִיךְ קַיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֶערִירְט פוּן זַיין פָּנִים, אוּן זַיין גֶעזוּכְט אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בַּאלוֹיכְטְן מִיט אַ גֶעטְלִיכֶע שֵׁיין.

עֶס וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט דַאכְטְן פַאר דִי צוּקוּקֶער אַז ר' אֶפְרָיִמְ'לְס שִׂמְחָה שְׁטַאמְט פוּנֶעם פַאקְט אַז עֶר לֶעבְּט בְּלוֹיז הָאנִיג זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס פָּארְט בַּיי אִים גֶעשְׁמִירְט... אָבֶּער אִין פַאקְט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט שְׁטֶענְדִיגֶע יִסוּרִים, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן וֶוען זַיין קְרֶענְק הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף אִים אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם. טְרָאצְדֶעם, הָאבְּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע יִסוּרִים נִישְׁט בַּאוִויזְן בַּייצוּקוּמֶען דֶעם שְׁטַארְקְן כַּאַראקְטֶער פוּן רֶבִּי אֶפְרָיִמְ'ל וֶועלְכֶע הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט קַיינְמָאל פוּן זַיין לִיכְטִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע צוּרָה.

נָאכְן וואוֹינֶען אִין תֵּל-אָבִיב פַאר אַ וַוייל הָאט זִיךְ ר' אֶפְרָיִמְ'ל אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט צוּ וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַזוֹיפִיל גֶעבֶּענְקְט נָאךְ אִיר. וואוֹינֶענְדִיג אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז עֶר גָאר שְׁטַארְק בַּאפְרַיינְדֶעט גֶעוָוארְן מִיטְן בַּארִימְטְן חָסִיד רֶבִּי דָּוִד שֶׁעכְטֶער זַצַ"ל (טַאטֶע פוּן הרה"ח ר' יַעֲקֹב מֵאִיר שֶׁעכְטֶער שְׁלִיטָ"א), אוּן דֶער קֶשֶׁר צְווִישְׁן דִי צְוֵויי הָאט זִיךְ נָאר פַארְשְׁטֶערְקֶערְט מִיט יֶעדְן פַארְבַּייגֵייעֶנְדְן טָאג, וֶוען פוּן צַייט צוּ צַייט פְלֶעגְט ר' דָּוִד אַרִיבֶּערְקוּמֶען צוּ ר' אֶפְרָיִמְ'לְס שְׁטוּבּ.

אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג וֶוען ר' דָּוִד אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּ ר' אֶפְרָיִמְ'לְס שְׁטוּבּ, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעהֶערְט פוּן דִי שְׁפַּאלְטֶענֶעס פוּנֶעם פַארְזְשַׁאוֶוערְטֶען טִיר שְׁוֶוערֶע הִיסֶערַייעֶן. ר' דָּוִד הָאט זִיךְ שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן פַאר דֶער גֶעזוּנְט צוּשְׁטַאנְד פוּן זַיין נָאנְטֶער יְדִיד, אוּן הָאט פְלִינְקֶערְהֵייט גֶעעֶפְנְט דֶעם טִיר. אַרַיינְקוּמֶענְדִיג הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט ר' אֶפְרָיִמְ'ל זִיצְנְדִיג אִיבֶּערְגֶעבּוֹיגְן אִיבֶּער אַ הֵייסֶע גְלָאז טֵיי, פוּן וֶועלְכֶע עֶר שְׁלִינְגְט צְווִישְׁן אֵיין רוּנְדֶע הִיסֶערַייעֶן בִּיזְן קוּמֶענְדִיגְן.

ר' דָּוִד הָאט גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט אַז ר' אֶפְרָיִמְ'ל קוּקְט אוֹיס נִישְׁט אִין בֶּעסְטְן צוּשְׁטַאנְד, אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זָאפָארְט קוּמֶען מִיט אִים

בַּאזוּכְן אַ דָאקְטֶער צוּ דִיאַגְנָאזִירְן זַיין מַצָּב אוּן פַּארְשְׁרַייבְּן דִי נוֹיטִיגֶע רֶעצֶעפְּטְן וֶועלְכֶע וֶועלְן אִים רַאטֶעוֶוען פוּן טוֹיט.

ר' אֶפְרָיִמְ'ל הָאט ווִי שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַ שְׁמֵייכְל אִיבֶּער זַיין גֶעזוּכְט, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "ווייסְטוּ דֶען נִישְׁט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן קַיין דָאקְטוֹירִים? אִיךְ דַארְף נִישְׁט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת אוּן אוּמְבַּאגְלַייבְּטֶע הֵיילוּנְגְס מִיטְלֶען".

"אִיךְ בֶּעט דִיר", הָאט זִיךְ ר' דָּוִד אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיי אִים, "דַארְפְסְט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען זַיינֶע רֶעצֶעפְּטְן, קוּם כָאטְשׁ צוּם דָאקְטֶער אַז עֶר זָאל גֶעבְּן זַיין מֵיינוּנְג אוּן אָפְּשַׁאצוּנְג".

דָאס הָאט שׁוֹין ר' אֶפְרָיִמְ'ל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּזָאגְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אַיינְבֶּעטְן בַּיי ר' דָּוִד.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם קְלִינִיק הָאט ר' דָּוִד גְלַייךְ אָנְגֶעזָאגְט פַארְן דָאקְטֶער אַז דֶער פַּאצִיעֶנְט אִיז בְּעֶצֶם נִישְׁט ווִילִיג צוּ נֶעמֶען קַיין שׁוּם מֶעדִיצִינֶען, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען בְּלוֹיז אוֹיף צוּ הֶערְן אַן אַנַאלִיז פוּנֶעם פְּרָאפֶעסָאר.

דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעעֶפְנְט צְווֵיי פַארְוואוּנְדֶערְטֶע אוֹיגְן, ווִי אֵיינֶער וָואס פְרֶעגְט, 'וָואס אִיז דֶער צִיל פוּנֶעם ווִיזִיט?', אָבֶּער זֶעעֶנְדִיג אַז דִי צְווֵיי זֶענֶען פַארְ'עַקְשְׁנְ'ט מִיט זֵייעֶר מֵיינוּנְג, אִיז עֶר אַיינְגֶעגַאנְגֶען בְּלוֹיז אַדוּרְכְצוּפִירְן אַ גְרִינְטְלִיכֶע אִיבֶּערְזִיכְט.



וֶוען דֶער דָאקְטֶער הָאט גֶעכַאפְּט אַ בְּלִיק אִינֶעם הַאלְז, אוּן הָאט גֶעהֶערְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע הִיסֶערַייעֶן, הָאבְּן זִיךְ עֶמֶערְס פוּן שְׁוַויים אָנְגֶעהוֹיבְּן גִיסְן פוּן זַיין שְׁטֶערְן, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיט אַ הֶעכְסְט-בַּאזָארְגְנְדֶע שְׁטִימֶע צוּ ר' אֶפְרָיִמְ'ל - "לוֹיט מֵיין מֵיינוּנְג זֶע אִיךְ נִישְׁט פָאר מֶער ווִי זִיבְּן וָואכְן פוּן לֶעבְּן...!".

אַ שָׁאק אִיז אַרִיבֶּער אִין דִי בֵּיינֶער פוּן ר' דָּוִד, אוּן אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶער גֶעיָאגְט צוּ פַּארְשְׁרַייבְּן אַ רֶעצֶעפְּט טְרָאץ דִי וָוארֶענוּנְג פוּן פַארְדֶעם אַז ר' אֶפְרַיִם וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שׁוּם מֶעדֶעצִינֶען.

מִיט שְׁוֶוערֶע טְרִיט אִיז ר' דָּוִד נָאכְגֶעגַאנְגֶען דִי דַאֲגָה'לָאזֶע שְׁפַּאן פוּן ר' אֶפְרַיִם, וֶוען עֶר אִיז פַארְנוּמֶען קוּקְנְדִיג פוּן דִי מֶעדֶעצִינֶען צוּ ר' אֶפְרַיִם, ווִי אֵיינֶער וֶועלְכֶער מָאנְט אוּן פְרֶעגְט... נוּ, וֶועט אִיר טַאקֶע זִיךְ לָאזְן אַרַיינְפִירְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן נִישְׁט נֶעמֶען דִי מֶעדֶעצִינֶען?

ר' אֶפְרָיִמְ'ל הָאט גוּט בַּאמֶערְקְט דִי עֶרְנְסְטֶע מִינֶע אוֹיף ר' דָּוִד'ס פָּנִים, אוּן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אִים מִיט אַ פֶעסְטֶע שְׁטִימֶע: "עֶס וֶועט זַיין גוּט. אִיךְ הֶער נִישְׁט צִי צוּ קַיין שׁוּם דָאקְטוֹירִים אוּן דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער דָאקְטֶער וֶועלְכֶע הָאט גֶעטְרוֹי בַּיי מִיר אִיז... דָאקְטֶער שִׂמְחָה! "שִׂמְחָה

אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֵיילוּנְג פַּאר אַלֶע קְרֶענְק" - זָאגְט דָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי!" (ראה ליקוטי מוהר"ן ח"ב כ"ד).

○ ○ ○

זִיבְּן גַאנְצֶע יָארְן הָאט ר' אֶפְרָיִמְ'ל זוֹכֶה גֶעוֶועןאָנְצוּגֵיין מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, טְרָאץ דִי שְׁוַוארְצֶע נְבִיאוֹתֶ'ער פוּן דִי דָאקְטוֹירִים. דִי גֶעשִׁיכְטֶע אִיז בְּרֵייט בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן בַּיי אַלֶעמֶען אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן אִין דִי אַרוּמִיגֶע גֶעגְנְטֶער, וֶוען אַלֶע הָאבְּן גֶעוואוּסְט אָנְצוּטֵייטְלֶן מִיטְן פִינְגֶער אוֹיפְן אִיד וֶועלְכֶער הָאט בַּאוִויזְן בֵּייצוּקוּמֶען דֶעם טוֹיט מִיטְן אֵיינְצִיגְן רֶעצֶעפְּט פוּן דר. שִׂמְחָה... שִׂמְחָה!

# תְּפִלָּה אוֹיף דִי נְסִיעָה פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, דֶערְבַּארֶעם דִיךְ אוֹיף אוּנְז וֶועגְן דַיין הֵיילִיגְן נָאמֶען, אוּן זַיי אוּנְז צוּ הִילְף מִיר זָאלְן קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת'ע צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִיךְ בֶּאֱמֶת מְקַשֵׁר זַיין צוּ זֵיי, צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת בִּשְׁלֵמוּת דוּרְךְ זֵיי, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין גוּטֶע חֲסָדִים.



מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אוּמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען.

זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָׁה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם אָמֵן סֶלָה.



# אמת'ע גיבורים

"זֵייעֶר גוּט!" הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט מִיט הִתְלַהֲבוּת. "אִיר וֵוייסְט, טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער גִיבְּט אוּנְז סְפֶּעצִיעֶלֶע פִיזִישֶׁע כּוֹחוֹת נָאר כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען בַּייקוּמֶען מִיט דֶעם דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן אִים בַּאזִיגְן!".

"וֶוען מִיר לִיגְן אוּנְטֶער אַ וַוארֶעמֶע דֶעקֶע, אוּן דֶער זֵייגֶער קְלִינְגְט אַז מְ'דַארְף אוֹיפְשְׁטֵיין דַאווֶענֶען, אוֹיבּ מִיר וַוארְפְן אַרָאפּ דִי דֶעקֶע אוּן מִיר צְוִוינְגֶען זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין בִּזְרִיזוּת, דָאס מֵיינְט אַ רִיכְטִיגֶער גִיבּוֹר. וֶוען מִיר

המשך פון די לעצטע זייט

דַאווֶענֶען מִיט כֹּחַ אוּן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל, נִיצְן מִיר אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם בֶּאֱמֶת."

אוֹיךְ אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט וֶועגְן אַ כַּת וָואס הָאט בְּטָעוּת גֶעמֵיינְט אַז אַ גִיבּוֹר אִיז נָאר וֶוער עֶס הָאט פֶעסְט-גֶעבּוֹיעֶטֶע אֵיבָרִים.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי 'גִבּוֹרִים' גְרוּפֶּע אָנְגֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּם דַאווֶענֶען, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין 'אֱמֶתֶ'ע גִבּוֹרִים'.



# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

## מַעֲשֶׂה יב' דֶער 'בַּעַל-תְּפִילָּה'

וַיְהִי הַיּוֹם! אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ 'מַחֲנֶה' פוּן זֵיי (כְּלוֹמַר: סֶע [סְ'אִיז] גֶעגַאנְגֶען אִינְאֵיינֶעם אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי ['דָאזִיגֶע גִבּוֹרִים' וָואס גֵייעֶן מִיטְן 'גִבּוֹר' – דָאס זֶענֶען דִי כִּיתָּה פוּן דִי] 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים') [צוּזַאמֶען], מִיט דֶעם 'אִיבַּאז' [גְרוּפֶּע מִיט וֶועגֶענֶער וָואס גֵייעֶן נָאךְ זֵיי]! – וָואס מְ'הָאט [דִי 'אִיבַּאז' הָאט זֵיי נָאכְגֶעפִירְט [פַאר דִי 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים'] 'עֶסְן' אוּן 'טְרִינְקֶען' אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן אַנְדֶערֶע זַאכְן!

אוּן פַאר דִי [דָאזִיגֶע] 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' – הָאט דִי וֶועלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט – וָוארְן זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען 'גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן' אוּן 'גִבּוֹרִים'! – אוּן וֶוער סְ'הָאט זֵיי בַּאגֶעגְנְט, הָאט [זִיךְ פוּן] זֵיי בְּוַודַאי אָפְּגֶעטְרֶעטְן [זִיךְ אַוֶועקְגֶערוּקְט] פוּן דֶעם 'וֶועג'! דֶערְוַוייל, ווִי דִי 'מַחֲנֶה' פוּן דִי 'בַּעֲלֵי־אֵבָרִים' זֶענֶען אַזוֹי גֶעגַאנְגֶען – אִיז זֵיי אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען אַ 'גְרוֹיסֶער גִבּוֹר'! – אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'גִבּוֹר', הָאט זֵיי נִישְׁט אָפְּגֶעטְרֶעטְן [זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶערוּקְט] פוּן דֶעם 'וֶועג'!

אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דֶער 'מַחֲנֶה' אַרַיין! – אוּן עֶר הָאט זֵיי צוּשְׁפְּרֵייט (מִיט דִי 'הֶענְט') 'אַהִין' אוּן 'אַהֶער'! אוּן דִי 'לַייט' פוּן דִי 'מַחֲנֶה', הָאבְּן פַאר אִים מוֹרָא גֶעהַאט!

אוּן 'עֶר' (דְהַיְינוּ: דֶער 'גִבּוֹר') – אִיז זִיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צְוִוישְׁן דִי 'וֶועגֶעלֶעךְ' [וֶועגֶענֶער פוּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען] הַנַּ"ל. וָואס זֵיי זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן אַלְדִינְג [אַלֶעס] וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען!

אִיז דָאס בַּיי זֵיי, אַ 'וִוילְד [וואוּנְדֶערְלִיכֶע]

חִידוּשׁ׳ גֶעוֶוען! (וָואס ׳דֶער׳ אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא גְרוֹיסֶער] ׳גִבּוֹר׳, וָואס עֶר הָאט [גָאר] קֵיין מוֹרָא נִישְׁט פַּאר זֵיי! אוּן אִיז צְווִישְׁן זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אוֹיפְגֶעגֶעסְן גָאר וָואס סְ׳גֶעוֶוען אוֹיף דִי ׳וֶועגֶעלֶעךְ׳)!

זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף פַּאר אִים אַנִידֶערְגֶעפַאלְן! – אוּן הָאבְּן [אִים] גֶעזָאגְט תֵּיכֶף: ״יְחִי הַמֶּלֶךְ״! (כְּלוֹמַר: זֵיי הָאבְּן תֵּיכֶף אִים גֶעמַאכְט פַּאר אַ ׳מֶלֶךְ׳)! – וָוארְן [זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט, אַז:] אִים קוּמְט בְּוַדְאַי דִי ׳מְלוּכָה׳, נָאךְ [לוֹיט] זֵייעֶר ׳דֵיעָה׳ נָאךְ, אַז דֶער ׳עִיקַר תַּכְלִית׳ אִיז, דֶער וָואס עֶר אִיז אַ ׳בַּעַל-אֵבָרִים׳, כַּנַ״ל!

אוּן דֶער ׳מֶלֶךְ׳ [זֵייעֶרער], וֶועט אִים בְּוַדְאַי מוֹחֵל זַיין דִי ׳מְלוּכָה׳! – וָוארְן ׳אִים׳ קוּמְט בְּוַדְאַי דִי ׳מְלוּכָה׳! וַוייל עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳גִבּוֹר׳, אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳בַּעַל-אֵבָרִים׳!

אוּן אַזוֹי אִיז [טַאקֶע] גֶעוֶוען! – [אַז] ׳זֵיי׳ [דִי ׳דָאזִיגֶע כִּיתָּה׳ וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרִינְגֶען, אַז דֶער ׳עִיקַר תַּכְלִית׳, אִיז צוּ זַיין אַ ׳בַּעַל-אֵבָרִים׳] הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַּאר אַ ׳מֶלֶךְ׳ (דְהַיְינוּ: דֶעם ׳גִבּוֹר׳ וָואס עֶר אִיז זֵיי גֶעקוּמֶען אַקֶעגְן, כַּנַ״ל

אוּן דָאס אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גִבּוֹר׳, וָואס מִיר גֵייעֶן הַיינְט מִיט אִים אָפְּנֶעמֶען [אַיינְנֶעמֶען] דִי וֶועלְט!

אוּן עֶר זָאגְט (דְהַיְינוּ: דֶער ׳גִבּוֹר׳ וָואס עֶר אִיז דָא [יֶעצְט], ׳מֶלֶךְ׳ גֶעוָוארְן אוֹיף זֵיי): ״אַז עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט ׳עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ׳, דֶערְמִיט וָואס עֶר גֵייט אָפְּנֶעמֶען [אַיינְנֶעמֶען] דִי וֶועלְט! – וָוארְן עֶר מֵיינְט גָארְנִישְׁט ׳דָאס׳, אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים! – נָאר עֶר מֵיינְט דֶערְמִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ״!

(דָאס הָאט אַלְץ דֶערְצֵיילְט אֵיינֶער פוּן דִי ׳גִבּוֹרִים׳, [פַּאר] דֶעם ׳בַּעַל-תְּפִילָּה – [אוֹיף דֶעם] וָואס עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט ״וְויאַזוֹי זֵיי קוּמֶען צוּם-אוֹיף [וְויאַזוֹי דִי ׳גִבּוֹרִים׳ זֶענֶען זִיךְ צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] מִיט דֶעם ׳גִבּוֹר׳״?! הָאט עֶר אִים דָאס אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט.

הָאט אִים דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳ גֶעפְרֶעגְט: ״מִיט וָואס אִיז זַיין ׳גְבוּרָה׳ פוּן דֶעם ׳גִבּוֹר׳, וָואס עֶר אִיז אַייעֶר [עֶנְקֶער] ׳מֶלֶךְ׳ הַיינְט״?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״בַּאֲשֶׁר אֵיין ׳מְדִינָה׳, הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מַכְנִיעַ זַיין אוּנְטֶער אִים – הָאט דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גִבּוֹר׳ גֶענוּמֶען זַיין ׳שְׁוֶוערְד׳ וָואס עֶר הָאט! – אוּן דִי ׳שְׁוֶוערְד זַיינֶע׳ הָאט ׳דְרֵיי כּוֹחוֹת׳! – אַז מְ׳הֵייבְּט זִי אוֹיף, אַנְטְלוֹיפְן [דַאן] ׳אַלֶע שָׂרִים׳ פוּן דִי ׳חֲיָילוֹת׳ (דְהַיְינוּ: אַלֶע ׳עֶלְטְסְטֶע [פוּן דִי מִילִיטֶער]) וְכוּ׳״! (אוּן [יֶענֶער] הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי ׳דְרֵיי כּוֹחוֹת׳ וָואס אוֹיבְן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען! – וָואס פוּן ׳דָארְט׳ הָאט דֶער ׳גִבּוֹר׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ גֶענוּמֶען ׳גְבוּרָה׳, כַּנַ״ל)!

ווי דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳ הָאט דָאס דֶערְהֶערְט – הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן: ״אַז דָאס אִיז בְּוַדְאַי דֶער ׳גִבּוֹר׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ הַנַ״ל״!

הָאט דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳ גֶעבֶּעטְן: ״אוֹיבּ סְ׳אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז עֶר זָאל זִיךְ זֶעהְן מִיט דֶעם ׳גִבּוֹר׳, וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי ׳מֶלֶךְ׳״?! הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״מְ׳מוּז מֶעלְדֶעוֶוען [מוֹדִיעַ זַיין] פַּאר אִים״!

אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן מְ׳הָאט גֶעמֶעלְדֶעוֶועט הָאט עֶר גֶעהֵייסְן [גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת]: ״אַז עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען״! אִיז דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳, אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם ׳גִבּוֹר׳!

ווי עֶר אִיז צוּ אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען [דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָּה׳ צוּם ׳גִבּוֹר׳] – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע! אִיז צְווִישְׁן זֵיי גֶעוֶוען, ׳זֵייעֶר-גְרוֹיסֶע שִׂמְחוֹת׳ – [אוֹיף דֶעם] וָואס זֵיי

הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם־אוֹיף־קוּמֶען [צוּנוֹיפְקוּמֶען] זִיךְ אִינְאֵיינֶעם!

אוּן סְ׳גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי, ׳שִׂמְחוֹת׳ אוּן ׳בְּכִיוֹת׳ (׳פְרֵייד׳ אוּן ׳גֶעוֵויין׳)! – וָוארְן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט אִין דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ מִיט ׳זַיינֶע לַייט׳! – הָאבְּן זֵיי דֶערוֹיף גֶעוֵויינְט! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גֶעוֶוען ׳שִׂמְחוֹת׳ אוּן ׳בְּכִיוֹת׳!

הָאט דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָּה׳ מִיט דֶעם ׳גִּבּוֹר׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן [צוּזַאמֶען]: ״וְוִירִימֶער [וִויאַזוֹי] זֵיי זֶענֶען אַהֶער אָנְגֶעקוּמֶען״?!

הָאט דֶער ׳גִּבּוֹר׳ ׳דֶערְצֵיילְט פַאר דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָּה׳: אַז [פוּן] דֶעמָאלְט אַז [וֶוען] דֶער ׳רוּחַ־סְעָרָה׳ [שְׁטוּרֶעם־וִוינְט – וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט פֶּרֶק ז אוֹת א] אִיז גֶעוֶוען – וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי ׳אַלֶע׳ צוּשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן וִוי [וֶוען] עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, פוּן דָארְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען] מְחַדֵּשׁ זַיין [בַּאנֵייעֶן] זַיין ׳כֹּחַ׳ – אוּן [עֶר] הָאט נִישְׁט גֶעפוּנֶען דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ מִיט ׳אַלֶע זַיינֶע לַייט׳, כַּנַ״ל – הָאט עֶר זִיךְ דֶעמָאלְט גֶעלָאזְט גֵיין, וואוּהִין עֶר וֶועט גֵיין! אוּן עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אִיבֶּער זֵיי אַלֶע דְהַיְינוּ: עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען: אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם ׳אָרְט׳ [פְּלַאץ] וואוּ דֶער ׳מֶלֶךְ׳ אִיז, אוּן וואוּ דִי ׳אַלֶע לַייט זַיינֶע׳ זֶענֶען!

דְהַיְינוּ: [וֶוען] עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ [גֶעוִויסֶע] ׳אָרְט׳ – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: ״אַז דָארְט אִין דֶעם ׳אָרְט׳, אִיז בְּוַודַאי דֶער ׳מֶלֶךְ׳ דָא״! – נָאר עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אוֹיף אַ [אַנְדֶערֶע] ׳אָרְט׳ – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: ״אַז דָארְט אִיז בְּוַודַאי דִי ׳מַלְכָּה׳״! – נָאר עֶר הָאט זִי נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אִיבֶּער דִי ׳אַלֶע לַייט׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳ ״נָאר דִיךְ, בִּין אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען״. (הַיְינוּ: דֶער ׳גִּבּוֹר׳ וָואס דֶערְצֵיילְט דָאס, הָאט גֶעזָאגְט צוּם ׳בַּעַל־תְּפִילָּה׳: ״אַז אִיבֶּער אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ [פְּלֶעצֶער] פוּן אַלֶע לַייט [פוּנֶעם ׳מֶלֶךְ׳], אִיז עֶר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען! – נָאר אִיבֶּער דֶעם ׳אָרְט׳ פוּן דֶעם ׳בַּעַל־תְּפִילָּה׳, אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען״)!

עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָּה׳: ״אִיךְ בִּין אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען, אִיבֶּער אַלֶע ׳עֶרְטֶער׳ פוּן זֵיי אַלֶע – אוּן אִיבֶּער דַיין ׳אָרְט׳ אוֹיךְ״! [אַז דֶער ׳בַּעַל־תְּפִילָּה׳ אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער, דוּרְכְן פְּלַאץ פוּנֶעם ׳גִּבּוֹר׳]! וָוארְן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ ׳אָרְט׳ – הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן שְׁטֵיין [דָארְט], דִי ׳קְרוֹין׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳! הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: ״אַז דָא אִיז [גֶעפוּנְט זִיךְ] בְּוַודַאי דֶער ׳מֶלֶךְ׳״! נָאר אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי בִּין אִיךְ וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען! – בִּין אִיךְ פִירְגֶעגַאנְגֶען, פַאר אַ ׳יַם פוּן בְּלוּט׳!

הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: ״אַז דֶער ׳יַם׳, אִיז בְּוַודַאי גֶעוָוארְן פוּן דִי ׳טְרֶערְן׳ פוּן דֶער ׳מַלְכָּה׳, וָואס זִי וֵויינְט אוֹיף דֶעם אַלֶעמֶען [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]״! – אוּן: ״דִי ׳מַלְכָּה׳ אִיז בְּוַודַאי דָא״! נָאר אִיךְ הָאבּ זִי [אִיר] נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער], בִּין אִיךְ פִירְגֶעגַאנְגֶען  פַאר אַ ׳יַם פוּן מִילֶעךְ׳! הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען [דֶערְפוּן]: ״אַז דֶער [דָאזִיגֶער] ׳יַם׳, אִיז בְּוַודַאי גֶעוָוארְן פוּן דֶער ׳מִילֶעךְ׳ פוּן דֶער ׳בַּת־מַלְכָּה׳, וָואס אִיר ׳קִינְד׳ אִיז פַארְפַאלְן [פַארְלוֹירְן] גֶעוָוארְן – הָאט זִי גֶעשְׁפַּארְט דִי ׳מִילֶעךְ׳! – אוּן דֶערְפוּן אִיז גֶעוָוארְן, דֶער ׳יַם פוּן מִילֶעךְ׳! – אִיז [דָאךְ] דִי ׳בַּת־מַלְכָּה׳ בְּוַודַאי דָא״! נָאר אִיךְ הָאבּ זִי [אִיר] נִישְׁט גֶעקֶענְט זוּכְן אוּן גֶעפוּנֶען!

שם: ____________



# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעווטע מעשה - דער בעל תפילה

א. **פארוואס האבן די בעל תפלה און גבור געוויינט און זיך געפריידט ווען זיי האבן זיך באגעגנט?**
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אז זיי האבן זיך געטראפן, און געוויינט אויף די אנדערע לייט פונעם מלך
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אויף די אנדערע לייט פונעם מלך, און געוויינט אז זיי האבן זיך געטראפן
- ❑ זיי האבן זיך געפריידט אז דער גבור איז א מלך, און געוויינט ווייל די מדינה של עשירות האבן זיך נאכנישט מכניע געווען

ב. **האבן דער גבור און בעל תפלה געטראפן דער מלך און זיינע לייט?**
- ❑ זיי זענען אריבער יעדעם׳ס פלאץ און זיך מיט זיי געטראפן
- ❑ זיי האבן בכלל נישט געקענט כאפן וואו זייערע פלעצער זענען
- ❑ זיי זענען אריבער די פלעצער וואו זיי האבן פארשטאנען אז דארטן זענען זיי, אבער זיי האבן זיי נישט געקענט טרעפן

ג. **ביי וועמען איז דער גבור נישט אריבער?**
- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם בעל תפלה
- ❑ ער איז אריבער יעדעם׳ס פלאץ

ד. **ביי וועמען איז דער בעל תפילה נישט אריבער?**
- ❑ ביי די פלאץ פונעם קעניג
- ❑ ביי די פלאץ פונעם גבור
- ❑ ער איז אריבער יעדעם׳ס פלאץ

ה. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו דער קעניג איז ?**
- ❑ ער האט נישט געוואוסט וואו דער קעניג איז
- ❑ דורך די שטול פונעם קעניג
- ❑ דורך די קרוין פונעם קעניג

ו. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די מלכה איז ?**
- ❑ ער האט געזען די קרוין פון קעניג האט ער פארשטאנען אז די מלכה איז דארטן
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די מלכה

ז. **וויאזוי האט דער בעל תפלה פארשטאנען וואו די בת מלכה איז ?**
- ❑ ער איז אריבער א ים פון בלוט האט ער פארשטאנען אז דאס איז פון די טרערן פון די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער א ים פון מילך האט ער פארשטאנען אז דא איז די בת מלכה
- ❑ ער איז אריבער די פלאץ פונעם גבור האט ער פארשטאנען אז זיין ווייב די בת מלכה איז דארטן

ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך "גבור" ?

וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך "בעלי איברים" ?

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (10)

**און זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע כת שטייט נישט אז זיי האבן געזוכט א לאנד וואס זי זאל קערין דערצו ?** ביי די כתה פון תפילה – אפשר איז מרמז אז מ׳קען דאווענען ביי יעדע פלאץ

**און זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט ?** ביי די כת פון שמחה

דער געווינער אויף ׳בעל תפלה׳ 10 איז ש. זינגער, ירושלים

**צו ענטפערן די בחינות, רופט**

**646-585-3040    02-5-3333-72**

# אמת'ע גיבורים



פִּילֶע גְרוּפֶּעס זֶענֶען פַּארְקְרָאכְן פוּנֶעם גְלַייכְן וֶועג, זֵיי הָאבְּן זִיךְ פַּארְטִיפְט אִין זֵייעֶרֶע טְעוּתִים און אַרַיינְגֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע אַלֶע כּוֹחוֹת, גֶעלְט, און זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אִין זַאכְן וָואס זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן נָאךְ און נָאךְ כִּתּוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ קְרוּמֶען תַּכְלִית. אֵיין אַזַא גְרוּפֶּע הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף עֶסְן און טְרִינְקֶען, און אוֹיסְצוּוַואקְסְן אַ בְּרֵייט-בֵּיינֶערְדִיגֶער פֶּערְזָאן – צוּ הָאבְּן בְּרֵייטֶע הֶענְט און פִיס כְּדֵי זֵייעֶר גוּף זָאל פַּארְנֶעמֶען אַ גְרֶעסֶערְן חֵלֶק פוּן דֶער וֶועלְט, מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס וֶועט זֵיי בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ זֵייעֶר צִיל. און וֶועמֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פַאר אַ קֶענִיג? אַ הוֹיכְן בְּרֵייט-גֶעבּוֹיעֶטְן מַאן. אִים הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ זַיין זֵייעֶר קֶענִיג.

אִין חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוּפֶּע קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶערוּפְן 'דִי גִבּוֹרִים'. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעקְס אִינְגְלֶעךְ. יֶעדְן טָאג גְלַייךְ נָאךְ דִי לִימּוּדִים, זֶענֶען זֵיי גֶעלָאפְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁנֶעלְקַייט צוּ אַ וַוייטֶע גָארְטְן. דָארְט פְּלֶעגְן זֵיי קְרִיכְן אוֹיף דִי אַייזֶענֶע שְׁטַאנְגֶען, זִיךְ קוֹילֶערְן און שְׁפְּרִינְגֶען. הֶערְשִׁי, דֶער שְׁטַארְקְסְטֶער צְווִישְׁן זֵיי, פְּלֶעגְט גֵיין אוֹיף דִי הֶענְט בִּשְׁעַת עֶר הַאלְט זִיךְ אָן אִין דִי הוֹיכֶע שְׁטַאנְגֶען. זַיינֶע הֶענְט פְּלֶעגְן וֶוערְן רוֹיט און גֶעשְׁוָואלְן, און עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ גְרוֹיסְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים: "אִיךְ בִּין דֶער שְׁטַארְקְסְטֶער פוּן עֶנְק אַלֶע! אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט זִיךְ נָאר דֶערְוַואגְן אָנְצוּהֵייבְּן מִיט מִיר, וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן מַיין כֹּחַ און גְבוּרָה!" הַא-הַא-הַא...

נִישְׁט קֵיין סַאךְ קִינְדֶער אִין כִּתָּה הָאבְּן זֵיי בֶּאֱמֶת אַרוֹיפְגֶעקוּקְט. אָבֶער אֲפִילוּ דִי וָואס הָאבְּן יָא גֶעוָואלְט מִיטְגֵיין מִיט דִי 'גִבּוֹרִים' גְרוּפֶּע, הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אָנְגֶענוּמֶען. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט שְׁווֶערֶע תְּנָאִים און מָאדְנֶע פַארְלַאנְגֶען. קוֹדֶם הָאט מֶען גֶעמוּזְט בַּאווַייזְן אַרָאפְּצוּוַוארְפְן אַ צְוֵייטֶער אִינְגְל אוֹיף דֶער עֶרְד, און נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע שְׁווֶערֶע אִיבּוּנְגֶען. דִי גְרוּפֶּע 'גִבּוֹרִים' הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט אַז דִי גַאנְצֶע כִּתָּה אִיז מְקַנֵּא זֵייעֶר כֹּחַ און דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא צוּ טוּן גֶעפֶערְלִיכֶע און ווַייטָאגְלִיכֶע זַאכְן. יֶעדְן אָוונְט פְּלֶעגְן זֵיי גֵיין שְׁלָאפְן אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט אָן קֵיין טְרָאפּ כֹּחַ נָאכְ'ן אוֹיסְנִיצְן זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת אוֹיף דִי שְׁטַאנְגֶען אִין גָארְטְן. ס'אִיז נִישְׁט קֵיין וואוּנְדֶער אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט צוּם דַאוֶונֶען. הֶערְשִׁי, דֶער 'הֶעלְד', פְלֶעגְט אֲפִילוּ אַיינְדְרִימְלֶען אִינְדֶערְמִיט, וֶוען זַיין קָאפּ פַאלְט צוּ דִי זַייטְן עֶרְגֶעץ צְווִישְׁן "בָּרוּךְ שֶׁאָמַר" און "בִּרְכַּת יוֹצֵר".

אֵיין פְרַייטָאג, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעסְן בַּיי אַ מוּסָר שִׁיעוּר פוּן פִּרְקֵי אָבוֹת, הָאט דֶער מְלַמֵּד הוֹיךְ גֶעפְרֶעגְט: "וֶוער וַוייסְט וֶוער עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ רִיכְטִיגֶער גִבּוֹר?"

אֵיינֶער פוּן דִי חֶבְרָה הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶער יִצְחָק, אֵיינֶער פוּן דִי פְלַייסִיגֶע תַּלְמִידִים, הָאט אִים אוֹיסְגֶעכַאפְּט: "אֵיזֶהוּ גִיבּוֹר? הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ! וֶוער עֶס בַּאזִיגְט זַיין יֵצֶר הָרָע!"

המשך אויף זייט 8